דאט׳ס גע׳פועל׳ט אַל׳עס גוט׳ס

# סֵפֶר תְּהִלִּים

# בֶּעט עֶרְלִיך:

עם ברכת המזון



# מִזְמוֹר לְדָוִד

**דָּוִד הַמֶּלֶךְ** עָלָיו הַשָּׁלוֹם האט געשאנקען פאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל א וואונדערבארער געשאנק – דעם סֵפֶר תְּהִלִּים. אלס איינער וואס איז אריבערפילע שוועריקייטן אין לעבן, האט דָוִד הַמֶּלֶךְ זיך אויסגעדרוקט זיינע געפילן פון טיפעניש פון זיין נְשָׁמָה, און עס איז פארבליבן אלס א וועג פון אויסדרוק אין אלע דורות, פאר יעדן פון אונז אין סיי וועלכן מַצָּב מיר געפונען זיך.

כדי אריינצוברענגען דעם וואס זאגט תהלים אין א ספעציעלע דערהויבנקייט, האט "מַלְכוּת וואקסבערגער" אהערגעשטעלט בסייעתא דשמיא דעם תהלים "בעט ערליך", וועלכע צווישן די פְּסוּקִים שטארט ארויס די וואונדערליכע בְּרִיאָה וואס האט געדינט ארויסצוברענגען דָוִד הַמֶּלֶךְ'ס געפילן שרייבנדיג דעם סֵפֶר תְּהִלִּים.

דָוִד מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל האט אסאך געליטן, ער האט אבער אין יעדן מַצָּב געדינגען צום באשעפער מיט פרייד און ליבע. אין די ענדלאזע מִדְבָּרִיּוֹת, באוואקסענע וועלדער, ליידיגע פעלדער, ביים וואסער-ברעג, האט ער אייביג געזאגט ליבע און דאנק ווערטער פארן באשעפער, נוצנדיג דעם נאטור אלס א מִשָׁל און א סִבָּה זיך אויסצודריקן א ליבע אויף דעם געוואלדיגן וועלט מיט אירע באשעפעניש, וואס דער אויבערשטער האט באשאפן.

דער הערליכער סֵפֶר תְּהִלִּים "בעהט ערליך" איז אפגעמאלן דורך'ן מייסטער-בערשטל פונעם ארטיסט ר' יואל וואקסבערגער, וועלכער ברענגט אייך ריינע און וואונדערליכע פאנאראמאס און סצענעס וואס ווערן דערמאנט דורכאויס די הייליגע פְּסוּקִים אינעם סֵפֶר תְּהִלִּים, וואס דערוואַרעמען דאס הארץ און ברענגען אז עס זאל פון דיך אליינס ארויסשרייען ליבע ווערטער פארן באשעפער אויף זיינע וואונדערליכע באשאפונגען.

מיר וואונטשן אייך אז דער באשעפער זאל אויסהערן אונזער געשריי און געבעט, די טיפע בַּקָּשׁוֹת מיט וואס מיר בעטן אין סֵפֶר תְּהִלִּים, זאלן נִתְקַבֵּל ווערן אויבן אין הימל, און פועל'ן אלעס גוטס.





©
כל הזכויות שמורות

**יוצא לאור ע"י 'מלכות וקסברגר' בע"מ**
**פאר היצירה היהודית**

טרקלין ראשי ______ רח' הלפרין 18 בני ברק
בני ברק ______ רח' רבי עקיבא 112
ירושלים ______ רח' מלכי ישראל 2 כיכר השבת
**מוקד מכירות והזמנות ______ 03-6154900**
תצוגת מוצרים ______ www.mwaxb.co.il

Distributed by:
**Mefoar Judaica 718-436-0707**
***Boro Park:*** 3919 13th ave
***Williamsburg:*** 500 flushing ave
***Lakewood:*** 945 river ave. (chateau grand)
***Web:*** www.MefoarJudaica.com
***Email:*** Info@mefoarjudaica.com

# דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן זָאגְן תְּהִלִּים

אִין דִי הַיילִיגֶע סְפָרִים רֶעדְט מֶען גָאר שְׁטַארְק אָרוּם אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן זָאגְן קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, וָואס זֶענֶען פִיל מִיט גְלוּסְטֶענִישׁ, בַּקָּשׁוֹת אוּן דַאנְק וֶוערְטֶער, גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ דָוִד הַמֶּלֶךְ. דָאס אִיז אוֹיסֶערְדֶעם וָואס יֶעדֶער קַאפִּיטְל פַארְמָאגְט זַיין בַּאזוּנְדֶערֶע סְגוּלָה.

## אַ דְּבֵיקוּת אִין בַּאשֶׁעפֶער אִין יֶעדְן מַצָּב

זָאגְן תְּהִלִּים אִיז מְסוּגָל צוּ בְּרֶענְגֶען פַאר יֶעדְן אִיד, וִויאַזוֹי עֶר אִיז, צוּ וֶוערְן דָּבוּק אִין בַּאשֶׁעפֶער אוּן שֶׁעפְּן דֶערְפוּן אֱמוּנָה אוּן בִּטָּחוֹן אֲפִילוּ אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע צַייטְן וָואס מֶען גֵייט אַרִיבֶּער. דֶער שְׁלָ"ה הַקָּדוֹשׁ שְׁרַייבְּט "וֶוער עֶס וִויל הָאבְּן דְּבֵיקוּת אִין בַּאשֶׁעפֶער אוּן אִין זַיין לוֹיבּ, זָאל זִיךְ בַּאהֶעפְטְן מִיטְן סֵפֶר תְּהִלִּים". דָוִד הַמֶּלֶךְ וֶועלְכֶער אִיז דוּרְךְ אַלֶע שְׁוֶוערֶע צַייטְן אִין זַיין לֶעבְּן, הָאט פוּן טִיפֶענִישְׁן פוּן זַיין הַארְץ זִיךְ בַּאהָאפְטְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער דוּרְךְ דִי הַיילִיגֶע קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים.

## הַאלְט צוּרִיק צָרוֹת אוּן בְּרֶענְגְט יְשׁוּעוֹת

זָאגְן תְּהִלִּים אִיז נִישְׁט בְּלוֹיז אַ סְגוּלָה צוּ הֶעלְפְן אִין אַ צַייט פוּן עֶנְגְשַׁאפְט, נָאר עֶס הַאלְט צוּרִיק אַז קַיין צָרוֹת זָאלְן נִישְׁט פָּאסִירְן מִיט דֶעם מֶענְטְשׁ. מִיט דֶעם וֶוערְט גֶעטַייטְשְׁט אִינֶעם סֵפֶר "אִגְרָא דְפִרְקָא" דֶעם פָּסוּק, "מִי יְמַלֵּל גְּבוּרוֹת ה'" – וֶוער עֶס וִויל צֶעמַאלְן אוּן אָפְּהַאקְן דִי שְׁוֶוערֶע דִּינִים פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, "יַשְׁמִיעַ כָּל תְּהִלָּתוֹ" – זָאל עֶר זָאגְן גַאנְץ סֵפֶר תְּהִלִּים.

## זָאגְן תְּהִלִּים אִיז וִוי לֶערְנֶען תּוֹרָה

דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעבֶּעטְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער אַז וֶוער עֶס זָאגְט תְּהִלִּים זָאל בַּאקוּמֶען שָׂכָר אִין הִימְל גֶענוֹי וִוי בַּיים לֶערְנֶען דִי שְׁוֶוערְסְטֶע סֻגְיוֹת אִין שַׁ"ס. וֶוער עֶס זָאגְט תְּהִלִּים מִיט כַּוָּנָה אִיז טַאקֶע זוֹכֶה צוּ בַּאקוּמֶען גְרוֹיס שָׂכָר.

אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ וֶוערְט גֶע'פְּסַקְ'נְט אַז עֶס אִיז בֶּעסֶער צוּ זָאגְן וֶוייניגֶער תְּהִלִּים מִיט מֶער כַּוָּנָה, וִוי מֶער קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים מִיט וֶוייניגֶער כַּוָּנָה. אָבֶּער מִיט דֶעם אַלֶעם, פַארְמָאגְט יֶעדֶעס וָוארְט אִין תְּהִלִּים גָאר גְרוֹיסֶע סְגוּלוֹת, אֲפִילוּ אוֹיבּ מֶען קֶען נִישְׁט דִי טַייטְשׁ פוּן יֶעדֶע אֵיינְצִיגְסְטֶע פָּסוּק.

זָאגְן תְּהִלִּים בְּרֶענְגְט נֶענְטֶער דִי גְאוּלָה שְׁלֵימָה, הַלְוַאי זָאלְן מִיר שׁוֹין זוֹכֶה זַיין דֶערְצוּ בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ, אָמֵן!






## מִזְמוֹר לְתוֹדָה.

דִי סִיבָּה פַארְוָואס מֶען זָאגְט דֶעם קַאפִּיטְל אִיז, וִויבַּאלְד עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין אֵיין טָאג וָואס עֶס פָּאסִירְן נִישְׁט קַיין נִיסִים פַאר אַ מֶענְטְשׁ, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ כַאפְּט אֲפִילוּ נִישְׁט וֶועלְכֶע נִיסִים. אֲפִילוּ עֶס גֵייעְן דוּרְךְ זַאכְן פַארְשִׁידֶענֶע זַאכְן וָואס וֶועט אַסַאךְ מָאל אוֹיס וִוי שְׁלֶעכְטְס, שְׁטֶעלְט זִיךְ שְׁפֶּעטֶער אַרוֹיס אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ גוּטֶע זַאךְ. אוּן דֶערְפַאר הָאבְּן חַזַ"ל מְתַקֵּן גֶעוֶוען מֶען זָאל זָאגְן "מִזְמוֹר לְתוֹדָה" יֶעדְן טָאג, צוּ יוֹצֵא זַיין דֶעם חִיּוּב פוּן בְּרֶענְגֶען אַ קָרְבַּן תּוֹדָה. מֶען זָאל עֶס זָאגְן מִיט גֶעשְׁמַאק אוּן מִיט נִגּוּנִים.

חַזַ"ל זָאגְן אַז אֲפִילוּ אוֹיבּ אַלֶע קַאפִּיטְלֶעךְ וֶועלְן בָּטֵל וֶוערְן, וֶועט מִזְמוֹר לְתוֹדָה בְּלַייבְּן פַאר אֵייבִּיג, וַוייל דֶעם בַּאשֶׁעפֶער'ס חֲסָדִים אִיז עֶפֶּעס וָואס שְׁטֶעלְט זִיךְ נִישְׁט אָפּ. (כל בו, קב הישר און סידור היעב"ץ)

# יְהִי רָצוֹן פַאר מֶען זָאגְט תְּהִלִּים

שַׁבָּת און יוֹם טוֹב זָאגְט מֶען דָאס נִישְׁט

**יְהִי רָצוֹן** מִלְּפָנֶיךָ יְיָ אֱלֹהֵינוּ וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ, הַבּוֹחֵר בְּדָוִד עַבְדּוֹ וּבְזַרְעוֹ אַחֲרָיו וְהַבּוֹחֵר בְּשִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת שֶׁתֵּפֶן בְּרַחֲמִים אֶל קְרִיאַת מִזְמוֹרֵי תְהִלִּים שֶׁאֶקְרָא כְּאִלּוּ אֲמָרָם דָּוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם בְּעַצְמוֹ, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וְיַעֲמָד לָנוּ זְכוּת פְּסוּקֵי תְהִלִּים וּזְכוּת תֵּבוֹתֵיהֶם וְאוֹתִיּוֹתֵיהֶם וּנְקֻדּוֹתֵיהֶם וְטַעֲמֵיהֶם וְהַשֵּׁמוֹת הַיּוֹצְאִים מֵהֶם מֵרָאשֵׁי תֵבוֹת וּמִסּוֹפֵי תֵבוֹת, לְכַפֵּר חַטֹּאתֵינוּ וַעֲוֹנוֹתֵינוּ וּפְשָׁעֵינוּ, וּלְזַמֵּר עָרִיצִים וּלְהַכְרִית כָּל הַחוֹחִים וְהַקּוֹצִים הַסּוֹבְבִים אֶת הַשּׁוֹשַׁנָּה הָעֶלְיוֹנָה. וּלְחַבֵּר אֵשֶׁת נְעוּרִים עִם דּוֹדָהּ בְּאַהֲבָה וְאַחֲוָה וְרֵעוּת. וּמִשָּׁם יִמָּשֵׁךְ לָנוּ שֶׁפַע לְנֶפֶשׁ רוּחַ וּנְשָׁמָה. לְטַהֲרֵנוּ מֵעֲוֹנוֹתֵינוּ וְלִסְלֹחַ חַטֹּאתֵינוּ וּלְכַפֵּר פְּשָׁעֵינוּ.




לְהוֹדִיעַ לִבְנֵי הָאָדָם גְּבוּרֹתָיו, וּכְבוֹד הֲדַר מַלְכוּתוֹ, מַלְכוּתְךָ מַלְכוּת כָּל עֹלָמִים, וּמֶמְשַׁלְתְּךָ בְּכָל דּוֹר וָדֹר

כְּמוֹ שֶׁסָּלַחְתָּ לְדָוִד שֶׁאָמַר מִזְמוֹרִים אֵלּוּ לְפָנֶיךָ. כְּמוֹ שֶׁנֶּאֱמַר גַּם יְיָ הֶעֱבִיר חַטָּאתְךָ לֹא תָמוּת. וְאַל תִּקָּחֵנוּ מֵהָעוֹלָם הַזֶּה קֹדֶם זְמַנֵּנוּ. עַד מְלֹאת שְׁנוֹתֵינוּ בָּהֶם שִׁבְעִים שָׁנָה. בְּאֹפֶן שֶׁנּוּכַל לְתַקֵּן אֵת אֲשֶׁר שִׁחַתְנוּ. וּזְכוּת דָּוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם יָגֵן עָלֵינוּ וּבַעֲדֵנוּ שֶׁתַּאֲרִיךְ אַפְּךָ עַד שׁוּבֵנוּ אֵלֶיךָ בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵמָה לְפָנֶיךָ. וּמֵאוֹצַר מַתְּנַת חִנָּם חָנֵּנוּ. כְּדִכְתִיב וְחַנּוֹתִי אֶת אֲשֶׁר אָחֹן וְרִחַמְתִּי אֶת אֲשֶׁר אֲרַחֵם. וּכְשֵׁם שֶׁאָנוּ אוֹמְרִים לְפָנֶיךָ שִׁירָה בָּעוֹלָם הַזֶּה כָּךְ נִזְכֶּה לוֹמַר לְפָנֶיךָ יְיָ אֱלֹהֵינוּ שִׁיר וּשְׁבָחָה לָעוֹלָם הַבָּא. וְעַל יְדֵי אֲמִירַת תְּהִלִּים תִּתְעוֹרֵר חֲבַצֶּלֶת הַשָּׁרוֹן וְלָשִׁיר בְּקוֹל נָעִים בְּגִילַת וְרַנֵּן כְּבוֹד הַלְּבָנוֹן נִתַּן לָהּ הוֹד וְהָדָר בְּבֵית אֱלֹהֵינוּ בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ. אָמֵן סֶלָה:

פאר מען זאגט תהלים זאל מען זאגן די פסוקים:

לְכוּ נְרַנְּנָה לַייָ נָרִיעָה לְצוּר יִשְׁעֵנוּ: נְקַדְּמָה פָנָיו בְּתוֹדָה בִּזְמִרוֹת נָרִיעַ לוֹ: כִּי אֵל גָּדוֹל יְיָ וּמֶלֶךְ גָּדוֹל עַל כָּל אֱלֹהִים:

הֲרֵינִי מְזַמֵּן אֶת פִּי לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל וּלְשַׁבֵּחַ אֶת בּוֹרְאִי. לְשֵׁם יִחוּד קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא, וּשְׁכִינְתֵּיהּ, עַל יְדֵי הַהוּא טָמִיר וְנֶעְלָם בְּשֵׁם כָּל יִשְׂרָאֵל:



## ספר ראשון

# יום ראשון

א לחודש

מען זאל לערנען תורה און זיין פארזיכערט מיט הַצְלָחָה, פארקערט ווי די רְשָׁעִים:

א א אַשְׁרֵי הָאִישׁ אֲשֶׁר לֹא הָלַךְ בַּעֲצַת רְשָׁעִים, וּבְדֶרֶךְ
חַטָּאִים לֹא עָמָד, וּבְמוֹשַׁב לֵצִים לֹא יָשָׁב: ב כִּי אִם־בְּתוֹרַת
יְהֹוָה חֶפְצוֹ, וּבְתוֹרָתוֹ יֶהְגֶּה יוֹמָם וָלָיְלָה: ג וְהָיָה כְּעֵץ שָׁתוּל
עַל־פַּלְגֵי מָיִם, אֲשֶׁר פִּרְיוֹ יִתֵּן בְּעִתּוֹ וְעָלֵהוּ לֹא יִבּוֹל, וְכֹל אֲשֶׁר־
יַעֲשֶׂה יַצְלִיחַ: ד לֹא־כֵן הָרְשָׁעִים, כִּי אִם־כַּמֹּץ אֲשֶׁר־תִּדְּפֶנּוּ רוּחַ:
ה עַל־כֵּן לֹא יָקֻמוּ רְשָׁעִים בַּמִּשְׁפָּט, וְחַטָּאִים בַּעֲדַת צַדִּיקִים:
ו כִּי־יוֹדֵעַ יְהֹוָה דֶּרֶךְ צַדִּיקִים, וְדֶרֶךְ רְשָׁעִים תֹּאבֵד:





אַ מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט נָאכְפָארְשְׁן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער'ס וֶועגְן:

ב
א לָמָּה רָגְשׁוּ גוֹיִם, וּלְאֻמִּים יֶהְגּוּ־רִיק: ב יִתְיַצְּבוּ מַלְכֵי־אֶרֶץ, וְרוֹזְנִים נוֹסְדוּ־
יָחַד, עַל־יְהֹוָה וְעַל־מְשִׁיחוֹ: ג נְנַתְּקָה אֶת־מוֹסְרוֹתֵימוֹ, וְנַשְׁלִיכָה מִמֶּנּוּ
עֲבֹתֵימוֹ: ד יוֹשֵׁב בַּשָּׁמַיִם יִשְׂחָק, אֲדֹנָי יִלְעַג־לָמוֹ: ה אָז יְדַבֵּר אֵלֵימוֹ בְאַפּוֹ,
וּבַחֲרוֹנוֹ יְבַהֲלֵמוֹ: ו וַאֲנִי נָסַכְתִּי מַלְכִּי, עַל־צִיּוֹן הַר־קָדְשִׁי: ז אֲסַפְּרָה אֶל חֹק,
יְהֹוָה אָמַר אֵלַי בְּנִי אַתָּה, אֲנִי הַיּוֹם יְלִדְתִּיךָ: ח שְׁאַל מִמֶּנִּי וְאֶתְּנָה גוֹיִם נַחֲלָתֶךָ,
וַאֲחֻזָּתְךָ אַפְסֵי־אָרֶץ: ט תְּרֹעֵם בְּשֵׁבֶט בַּרְזֶל, כִּכְלִי יוֹצֵר תְּנַפְּצֵם: י וְעַתָּה מְלָכִים
הַשְׂכִּילוּ, הִוָּסְרוּ שֹׁפְטֵי אָרֶץ: יא עִבְדוּ אֶת־יְהֹוָה בְּיִרְאָה, וְגִילוּ בִּרְעָדָה: יב נַשְּׁקוּ־
בַר, פֶּן־יֶאֱנַף וְתֹאבְדוּ דֶרֶךְ, כִּי־יִבְעַר כִּמְעַט אַפּוֹ, אַשְׁרֵי כָּל־חוֹסֵי בוֹ:

מֶען זָאל אַנְנֶעמֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער'ס שְׁטְרָאפְן ווייל אַפְשָׁר קוּמְט זִיךְ פִיל עֶרְגֶערְס פַאר די זִינְד:

ג
א מִזְמוֹר לְדָוִד, בְּבָרְחוֹ מִפְּנֵי אַבְשָׁלוֹם בְּנוֹ: ב יְהֹוָה מָה־רַבּוּ צָרָי, רַבִּים קָמִים
עָלָי: ג רַבִּים אֹמְרִים לְנַפְשִׁי, אֵין יְשׁוּעָתָה לּוֹ בֵאלֹהִים סֶלָה: ד וְאַתָּה יְהֹוָה
מָגֵן בַּעֲדִי, כְּבוֹדִי וּמֵרִים רֹאשִׁי: ה קוֹלִי אֶל־יְהֹוָה אֶקְרָא, וַיַּעֲנֵנִי מֵהַר קָדְשׁוֹ
סֶלָה: ו אֲנִי שָׁכַבְתִּי וָאִישָׁנָה, הֱקִיצוֹתִי כִּי יְהֹוָה יִסְמְכֵנִי: ז לֹא־אִירָא מֵרִבְבוֹת
עָם, אֲשֶׁר סָבִיב שָׁתוּ עָלָי: ח קוּמָה יְהֹוָה הוֹשִׁיעֵנִי אֱלֹהַי, כִּי־הִכִּיתָ אֶת־כָּל־אֹיְבַי
לֶחִי, שִׁנֵּי רְשָׁעִים שִׁבַּרְתָּ: ט לַיהֹוָה הַיְשׁוּעָה, עַל־עַמְּךָ בִרְכָתֶךָ סֶּלָה:





ניִשט פֿאַרשעמען אַ צווייטן און ניִשט מקנא
זיין רשעים וואָס זענען מצליח אויף דער וועלט:

ד א לַמְנַצֵּחַ בִּנְגִינוֹת מִזְמוֹר
לְדָוִד: ב בְּקָרְאִי עֲנֵנִי אֱלֹהֵי
צִדְקִי, בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִּי, חָנֵּנִי וּשְׁמַע
תְּפִלָּתִי: ג בְּנֵי־אִישׁ, עַד־מֶה כְבוֹדִי
לִכְלִמָּה תֶּאֱהָבוּן רִיק, תְּבַקְשׁוּ כָזָב
סֶלָה: ד וּדְעוּ כִּי־הִפְלָה יְהֹוָה חָסִיד
לוֹ, יְהֹוָה יִשְׁמַע בְּקָרְאִי אֵלָיו: ה רִגְזוּ
וְאַל־תֶּחֱטָאוּ, אִמְרוּ בִלְבַבְכֶם עַל־
מִשְׁכַּבְכֶם וְדֹמּוּ סֶלָה: ו זִבְחוּ זִבְחֵי־
צֶדֶק, וּבִטְחוּ אֶל־יְהֹוָה: ז רַבִּים אֹמְרִים
מִי־יַרְאֵנוּ טוֹב, נְסָה־עָלֵינוּ אוֹר פָּנֶיךָ
יְהֹוָה: ח נָתַתָּה שִׂמְחָה בְלִבִּי, מֵעֵת
דְּגָנָם וְתִירוֹשָׁם רָבּוּ: ט בְּשָׁלוֹם יַחְדָּו
אֶשְׁכְּבָה וְאִישָׁן, כִּי־אַתָּה יְהֹוָה לְבָדָד
לָבֶטַח תּוֹשִׁיבֵנִי:





א תְּפִלָּה אַז דִי רְשָׁעִים זָאלְן פַארלֶענְדְט ווערן און פַאר צַדִּיקִים זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ א דַאנְק זַייעֶרֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים:

ה א לַמְנַצֵּחַ אֶל־הַנְּחִילוֹת מִזְמוֹר לְדָוִד: ב אֲמָרַי הַאֲזִינָה יְהֹוָה, בִּינָה הֲגִיגִי: ג הַקְשִׁיבָה
לְקוֹל שַׁוְעִי מַלְכִּי וֵאלֹהָי, כִּי־אֵלֶיךָ אֶתְפַּלָּל: ד יְהֹוָה, בֹּקֶר תִּשְׁמַע קוֹלִי, בֹּקֶר אֶעֱרָךְ־
לְךָ וַאֲצַפֶּה: ה כִּי לֹא־אֵל חָפֵץ רֶשַׁע, אָתָּה, לֹא יְגֻרְךָ רָע: ו לֹא־יִתְיַצְּבוּ הוֹלְלִים לְנֶגֶד עֵינֶיךָ,
שָׂנֵאתָ כָּל־פֹּעֲלֵי אָוֶן: ז תְּאַבֵּד דֹּבְרֵי כָזָב, אִישׁ־דָּמִים וּמִרְמָה יְתָעֵב, יְהֹוָה: ח וַאֲנִי בְּרֹב חַסְדְּךָ
אָבוֹא בֵיתֶךָ, אֶשְׁתַּחֲוֶה אֶל־הֵיכַל קָדְשְׁךָ בְּיִרְאָתֶךָ: ט יְהֹוָה נְחֵנִי בְצִדְקָתֶךָ לְמַעַן שׁוֹרְרָי,
הַיְשַׁר לְפָנַי דַּרְכֶּךָ: י כִּי אֵין בְּפִיהוּ נְכוֹנָה, קִרְבָּם הַוּוֹת, קֶבֶר־פָּתוּחַ גְּרֹנָם, לְשׁוֹנָם יַחֲלִיקוּן:
יא הַאֲשִׁימֵם אֱלֹהִים, יִפְּלוּ מִמֹּעֲצוֹתֵיהֶם, בְּרֹב פִּשְׁעֵיהֶם הַדִּיחֵמוֹ כִּי מָרוּ בָךְ: יב וְיִשְׂמְחוּ
כָל־חוֹסֵי בָךְ, לְעוֹלָם יְרַנֵּנוּ, וְתָסֵךְ עָלֵימוֹ, וְיַעְלְצוּ בְךָ אֹהֲבֵי שְׁמֶךָ: יג כִּי־אַתָּה תְּבָרֵךְ צַדִּיק
יְהֹוָה, כַּצִּנָּה רָצוֹן תַּעְטְרֶנּוּ:

א פַארְכטִיגֶע תְּפִלָּה פַאר א קְרַאנְקֶער אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער זָאל אִים אוֹיסְהַיילְן:

ו א לַמְנַצֵּחַ בִּנְגִינוֹת עַל־הַשְּׁמִינִית מִזְמוֹר לְדָוִד: ב יְהֹוָה אַל־בְּאַפְּךָ תוֹכִיחֵנִי, וְאַל־בַּחֲמָתְךָ
תְיַסְּרֵנִי: ג חָנֵּנִי יְהֹוָה כִּי אֻמְלַל אָנִי, רְפָאֵנִי יְהֹוָה כִּי נִבְהֲלוּ עֲצָמָי: ד וְנַפְשִׁי נִבְהֲלָה
מְאֹד, וְאַתָּה יְהֹוָה עַד־מָתָי: ה שׁוּבָה יְהֹוָה חַלְּצָה נַפְשִׁי, הוֹשִׁיעֵנִי לְמַעַן חַסְדֶּךָ: ו כִּי אֵין
בַּמָּוֶת זִכְרֶךָ, בִּשְׁאוֹל מִי יוֹדֶה־לָּךְ: ז יָגַעְתִּי בְּאַנְחָתִי, אַשְׂחֶה בְכָל־לַיְלָה מִטָּתִי, בְּדִמְעָתִי
עַרְשִׂי אַמְסֶה: ח עָשְׁשָׁה מִכַּעַס עֵינִי, עָתְקָה בְּכָל־צוֹרְרָי: ט סוּרוּ מִמֶּנִּי כָּל־פֹּעֲלֵי אָוֶן, כִּי־





שָׁמַע יְהֹוָה קוֹל בִּכְיִי: י שָׁמַע יְהֹוָה תְּחִנָּתִי, יְהֹוָה תְּפִלָּתִי יִקָּח: יא יֵבֹשׁוּ
וְיִבָּהֲלוּ מְאֹד כָּל־אֹיְבָי, יָשֻׁבוּ יֵבֹשׁוּ רָגַע:

ווען דער באַשעפער שטראָפט דיינע פיינט, זיי נישט פריילעך:

ז א שִׁגָּיוֹן לְדָוִד אֲשֶׁר־שָׁר לַיהֹוָה עַל־דִּבְרֵי־כוּשׁ בֶּן־יְמִינִי: ב יְהֹוָה אֱלֹהַי
בְּךָ חָסִיתִי, הוֹשִׁיעֵנִי מִכָּל־רֹדְפַי וְהַצִּילֵנִי: ג פֶּן־יִטְרֹף כְּאַרְיֵה נַפְשִׁי,
פֹּרֵק וְאֵין מַצִּיל: ד יְהֹוָה אֱלֹהַי, אִם־עָשִׂיתִי זֹאת, אִם־יֶשׁ־עָוֶל בְּכַפָּי:
ה אִם־גָּמַלְתִּי שׁוֹלְמִי רָע, וָאֲחַלְּצָה צוֹרְרִי רֵיקָם: ו יִרַדֹּף אוֹיֵב נַפְשִׁי וְיַשֵּׂג
וְיִרְמֹס לָאָרֶץ חַיָּי, וּכְבוֹדִי לֶעָפָר יַשְׁכֵּן סֶלָה: ז קוּמָה יְהֹוָה בְּאַפֶּךָ, הִנָּשֵׂא
בְּעַבְרוֹת צוֹרְרָי, וְעוּרָה אֵלַי, מִשְׁפָּט צִוִּיתָ: ח וַעֲדַת לְאֻמִּים תְּסוֹבְבֶךָּ,
וְעָלֶיהָ לַמָּרוֹם שׁוּבָה: ט יְהֹוָה יָדִין עַמִּים, שָׁפְטֵנִי יְהֹוָה כְּצִדְקִי וּכְתֻמִּי
עָלָי: י יִגְמָר־נָא רַע רְשָׁעִים, וּתְכוֹנֵן צַדִּיק, וּבֹחֵן לִבּוֹת וּכְלָיוֹת אֱלֹהִים
צַדִּיק: יא מָגִנִּי עַל־אֱלֹהִים, מוֹשִׁיעַ יִשְׁרֵי־לֵב: יב אֱלֹהִים שׁוֹפֵט צַדִּיק, וְאֵל
זֹעֵם בְּכָל־יוֹם: יג אִם־לֹא יָשׁוּב, חַרְבּוֹ יִלְטוֹשׁ, קַשְׁתּוֹ דָרַךְ וַיְכוֹנְנֶהָ: יד וְלוֹ
הֵכִין כְּלֵי־מָוֶת, חִצָּיו לְדֹלְקִים יִפְעָל: טו הִנֵּה יְחַבֶּל־אָוֶן, וְהָרָה עָמָל וְיָלַד
שָׁקֶר: טז בּוֹר כָּרָה וַיַּחְפְּרֵהוּ, וַיִּפֹּל בְּשַׁחַת יִפְעָל: יז יָשׁוּב עֲמָלוֹ בְרֹאשׁוֹ,
וְעַל־קָדְקֳדוֹ חֲמָסוֹ יֵרֵד: יח אוֹדֶה יְהֹוָה כְּצִדְקוֹ, וַאֲזַמְּרָה שֵׁם־יְהֹוָה עֶלְיוֹן:



